מ. באַראַבאַן

# דער רבי׳ר בעריש בעל־תשובה פון קראָקאָ

**די יודישע גוראלעס אין היגדסדארף. — דער פאסטוך בעריש כאפט פויגעל אין די בערג. — ווי אזוי ער האט אנגעהויבען שטודירען. — ער ווערט דורך א צופאל א בעל־תשובה. — ער פאסט משבת לשבת. — א גאנצען טאג גייט ער ארום איינגעהילט אין טלית־און־תפילין קלויבענ נדבות פאר ארימעלייט.**

צווישען די פיל רביים און רבי׳לעך, וואָס וואוינען אין קראָקאָ, איז אויך פאַראַן אַ נאָר אינטערעסאַנטער רבי, וואָס ווערט גערופען „ר׳ בעריש׳ל בעל־השובה“. עס איז אַ מערקווירדיגער טיפּ, אַ מענש מיט אַ גאַר רייכע פערגאַנגענהייט.

ווער עס איז אַמאָל געווען אין קראָקאָ אין דער יודישער געגענד, אויפן אַזוי־גערופענעם קאַזומאַרק, האָט זיכער בעמערקט לויפען איבער די געוועלבער און קלייבען נדבות אַ דאַר, קליין יודעל, איינגעהילט אין טלית־און־תפילין, מיט אַ שטוס ספרים אונטער די אָרעמס. דאָס איז דער רבי ר׳ בעריש׳ל בעל־תשובה.

אַ סך מעשיות ווייסען די קראָקאווער יודען צו דערציילען וועגען איהם, וועגען זיין סטודענטיש לעבען אַמאָל און וועגען דעם, ווי אַזוי ער איז געקומען צו דער מדרגה פון ווערען אַ רבי. אָבער קיינער ווייסט נישט גענוי, פון וואַנען ער שטאַמט און וואו ער האָט געלעבט אין זיינע יונגע יאָהרען, ווייל וועגען דעם וויל דער איצטיגער בעל־תשובה מיט קיינעם נישט רעדען.

דורך אַ צופאַל איז מיר אָבער געלונגען זיך צו דערוויסען פערשידענע פרטים פון זיין מערקווירדיגער פערגאַנגענהייט, פרטים, וואָס ווייזען וויפיל גלגולים אַ מענש קען אַדורכמאַכען אין זיין לעבען.

געבוירען געוואָרען איז ר׳ בעריש׳ל בעל־תשובה אין הונדסדאָרף, וואָס ליגט אין די טאַטרעס, נישט ווייט פון זאַקאָפּאַנע (היינט געהערט עס צו טשעכאָסלאָוואַקיי).

אין הונדסדאָרף וואוינען בלויז גוראַלעס, און די יודען, וואָס וואוינען דאָרט, זענען אויך געוואָרען מיט דער צייט שטיקער גוראַלעס... אַמאָל, מיט לאַנגע יאָהרען צוריק, האָט זיך פערקליבען אַהין אַ יוד, ר׳ בער האַרצבלוט, און פון איהם האָט זיך פערפלאַנצט אַ יודישער ישוב, אין אַט דעם גוראַלישען דאָרף. די יודען האָבען זיך בעשעפטיגט מיט אַרבייטען אין פעלד, האַקען ביימער אין וואַלד און פיהרען קלעצער צום טאַרטאַק. זיי פלעגען גערן אָנגעטהון פונקט אַזוי ווי די גוראַלעס, געהאַט זייערע „עלטסטען“ און זיך גוט צונויפגעלעבט מיט די גוישע שכנים.

עס ווערט אַפילו דערציילט, אַז אַמאָל איז אָנגעקומען קיין הונדסדאָרף אַ יונגער גלח, האָט ער נישט געקאָנט פערטראָגען, וואָס די גוים לעבען אַזוי בשלום מיט די יודען און ער האָט אָנגעהויבען צו פיהרען אַ קאַמף מיט די יודען. האָבען די גוראַלעס דעם גלח געשטראָשעט, אַז אויב ער וועט נישט אויפהערען זיי צו רייצען געגען זייערע יודישע שכנים, וועלען זיי אויפהערען צו קומען אינגאַנצען אין דער קירכע אַריין און דאָס האָט טאַקע געווירקט. דער גלח האָט אויפגעהערט צו האַלטען זיינע אַנטיסעמיטישע דרשות אין דער קירכע.

ביי איינעם אַזאַ „עלטסטען“ פון די יודישע גוראַלעס ביי ר׳ עקיבא האַרצבלוט, (אַן אייניקעל פון ר׳ בער האַרצבלוט) איז געבוירען געוואָרען דער צוועלפטער זוהן, בעריש׳ל. די יודען פון די טאַטרעס ווייסען היינט צו דערציילען אַ סך וואונדערליכע זאַכען וועגען אָט דעם קינד. דאָס קינד האָט למשל, קיינמאָל נישט געוויינט, און ווען עס איז אַלט געווען אינגאַנצען אַ יאָהר, האָט עס זיך שוין צוגעשאַרט צו אַן אָרט, וואו עס איז געלעגען אַ ספר. און אַז די מוטער איז אַריינגעקומען און ביים קינד צוגענומען דאָס ספר, האָט זיך דאָס קינד צעוויינט אויף אַ קול. די מוטער האָט געפּרובט איינשטילען דאָס קינד מיט אַלע כחות, אָבער דאָס קינד האָט אַזוי לאַנג געוויינט, ביז מען האָט איהם צוריקגעגעבען דאָס ספר. ערשט דעמאָלט האָט עס אויפגעהערט צו וויינען.

צו 6 יאָהר האָט דער פאָטער שוין אַרויסגעשיקט דעם קליינעם בעריש׳ל צוזאַמען מיט זיין עלטערן ברודער פאַשען די שאָף אויף די בערג. ער איז אַזוי אויפגעצויגען געוואָרען ביז 16 יאָהר און איז געווען אינגאַנצען פערגראָבט, טאַקע ווי אַנ׳אמת׳ער גוראַלישער פאַסטוך. זיין איינציג פערגניגען איז געווען צו לויפען הינטער אויף נאַרטעס איבער די טאַטרע־בערג און צו וויזען זיינע חברים, די גוראַלישע פאַסטוכער, אַז ער קען בעסער אַראָפּשפּרינגען פון אַ באַרג ווי זיי. זומער, ווינטער, פלעגט ער אָפּליגען גאַנצע טעג אויף די בערג און זוכען צווישען די קליינע בוימעלעך נעסטען פון שפּיל־פויגעל. צוליב זיין גרויס בריה׳שקייט, האָבען די יונגע גוראַלעס פון איהם זעהר געהאַלטען און זיי פלעגען איהם זעהר אָפט מיטנעהמען אויף זייערע גוראַלישע שמחות. אַזוי־אַרום האָט ער זיך בעקענט מיט דער יונגער שענער גוראַלקע מאַרישאַ און ער האָט אַנדערש נישט געטראַכט, נאָר גלייך מיט איהר חתונה צו האָבען. ערשט איצט האָט זיך בעריש׳על׳ס פאָטער אַרומגעזעהן, אַז מיט זיין זוהנ׳ס יודישקייט האַלט נאָר שמאָל, אַז ער איז אויסגעוואַקסען אַנ׳אמת׳ער גוי און קען צומאָל נישט רעכט דאַוונען, ווייסט נישט פון קיין עול און חבר׳ט זיך צו שטאַרק מיט שענע גוראַלקעס...

דער פאָטער זיינער, ר׳ עקיבא, האָט נישט געוואָלט, אַז זיינס אַ קינד, זאָל אינגאַנצען ווער־

פאַלעו פונ'ם יודישען שטאַם. האָט ער בעשלאָסען אידם צו שיקען לערנען אין דעם אונגאַרישען שטעדטעל מערצע.

דאָרט האָט מען דעם ווילדען הפקר'דיגען באַרן־פאַסטוך, אַנגעדונגען צו אַ רבי'ן, ער זאָל מיט אידם לערנען יודישקייט.

אין אונגאַרן זענען די יודען געווען געטיילט אויף 3 קאַטעגאָריעס: אָרטאָדאָקסע, „סטאַטוס־קוואָ"־יודען און נעאָלאָגען. צווישען די אָרטאָ־דאָקסע און די „נעאָלאָגען", די אפיקורסים, איז דעמאָלט אַנגעגאַנגען אַ פערביטערטער קאַמף.

דאָס דאָרפס־יונגעל בעריש'ל האָט נעהאַט זעהר אַ גוטען קאָפּ. ער האָט זיך באַלד געמאַכט אַ שם מיט זיינע פעהיגקייטען אין לערנען. האָט זיך אויף אידם :פערקוקט אַ יוד, איינער פון די „נעאָלאָגען", און האָט מיט אידם אַנגעהויבען איינצוטענה'ן, ער זאָל ווערען אַ „נעאָלאָג" און אַנהויבען שטודירען. דאָס יונגעל, וואָס עס האָט אידם שוין דעמאָלט נעהאַט געצויגען צו וויסען, האָט זיך געלאָזט צורעדען פון דעם יודען און ער איז איין שענעם העלען טאָג אַנטלאָפען פון מערצע קיין בודאַפעשט, וואו ער האָט אָנ־געהויבען צו שטודירען אויפ'ן חשבון פון דער דאָרטיגער נעאָלאָגישער געמיינדע.

ער האָט אין משך פון 2 יאָהר געמאַכט מאַ־טורא און איז געוואָרען אַ סטודענט פון פילאָ־זאָפיע אין בודאַפעשטער אוניווערזיטעט. נאָר צופעליג איז ער דאַן אַדורך די שיפ־אוצאַ (אוטאַ־גאָס). דערהערט ער מיטאַמאָל זעהר אַ שען קול, וואָס טראָגט זיך פון אַ הויז. דער סטודענט איז אַריין אין יענעם הויז. דאָרט האָט ער געטראָ־פען זיצען אַ רבי'ן מיט חסידים, אַזוינס, וואָס ער האָט עס נאָך קיינמאָל נישט געהאַט געזעהן. דאָס האַרציגע קול, וואָס ער האָט געהערט, איז טאַקע געווען דאָס קול פון דעם רבי'ן, און דער רבי איז געווען ר' הערצקע רייצפערדער, אַ תל־מיד פונ'ם סאַנזער רבי'ן ר' חיים האַלבער־שטאַם.

—

ר' הערצקע האָט זיך געהאַט געשטעלט פאַר אַ ציל די פערגרעבטע אונגאַרישע יודען מחזיר למוטב צו זיין. פלעגט ער ארומפאָה־רען איבער גאַנץ אונגאַרן און אומעטום זאָגען מוסר די יודען. געהאַט האָט ער אויף זיי אַ גאָר גרויסע השפעה. עס איז מוסר־דרשה פון ר' הערצקע'ן האָט דאַן צופעליג געהערט דער סטר רענט און דער מוסר האָט געהאַט אַ פעולה. ער האָט בעשלאָסען מעהר נישט צו פערלאָזען דעם רבי'ן און מיט אידם כפרר מיטצופאָהרען. דער רבי האָט זיך זעהר געפרעהט, וואָס ער האָט מחזיר־לתשובה געווען אַזאַ פערבלאָנדזשעטע נשמה און ער האָט בעריש'ן אַנגעהויבען זעהר שטאַרק מקרב צו זיין. 10 יאָהר איז ר' בעריש'ל געווען ביים רבי'ן, געלערנט אין דעם רבינ'ס ישיבה, און ווען אפילו דער רבי האָט אידם געהייסען זיך פיהרען גלייך ווי אַלע יודען, האָט ער נישט געוואָלט, נאָר כסדר „געפאַסט הפסקות" פון איין שבת צום צווייטען און אַזוי איז ער זיך גורע ביז צום היינטיגען טאָג.

שפּעטער איז ער אַוועק קיין קראקא און בעקומען דעם צונאָמען: „ר' בעריש'ל בעל־תשובה".

—

מען האָט דעם בעל־תשובה חתונה־געמאַכט מיט אַנאַלט מיידעל פון מיידאַן (מערב־גאַלי־ציע). די פרוי מוז אַליין פערדינען אויף פרנסה, און דער מאַן זיצט אין קלויז, לערנט און דאַ־ווענט. קומט אַריין אַנ'אָרעמאַן בעטען אַ נדבה, נעהמט ער גלייך אַרויס איבער די געוועלבטע זאַמלען געלד פאַר אידם.

קומט אַריין אַ יוד אידם בעטען, ער זאָל פאַר אידם מתפלל זיין, רופט ער גלייך צוזאַמען אַ מנין יודען און זאָגט תהלים. קיין געלד פאַר זיך נעהמט ער נישט.

פרייטאָג נעהט ער אַרום צונויפזאַמלען געלד אויף „פדיון־משכנות", אויף אויסצולייזען משכ־נות, וואָס אָרעמע יודען האָבען פערזעצט אין משך פון דער וואָך.

אַזוי ווען איהר אידם טרעפען גאַנצע טעג אַרומגעהן איבער די קראקאווער גאַסען אָנגע־טהון אין טלית־און־תפילין, שטענדיג פערטהון אין מצוות. ווען ער האָט צייט אַ מינוט — לויפט ער אַריין אין אַ קלויז און לערנט זיינע שיעורים, גמרא און פערשידענע קבלה־ספרים, וואָס ער טראָגט תמיד מיט מיט זיך.

ערשט שפּעט ביינאַכט דערמאָנט ער זיך, אַז ער האָט אויך אַ שטוב און ער ברענגט אַהיים אַ שיטעל האָלץ, אַ הערינג און אַביסעל קאַר־טאָפלעס. דאָס וייב מיט די 2 טעכטער וואַלטען אויך האָבען וואָס צו עסען.

אָבער לאַנג זיין אין שטוב קאָן ער נישט. אין שטאָדט וואַרטען דאָך אויף אידם אָרעמע לייט, וואָס ער דאַרף זיי פערזאָרגען אויף שבת...

און דער רבי ר' בעריש'ל בעל־תשובה פערלאָזט באַלד פאַרטאָג זיין שטוב און לאָזט זיך ווייטער איבער יודישע הייזער, צו קלייבען נדבות פאַר בכבודיגע אָרעמע לייט, ראַטעווען פון הונגער יודישע נפשות...

—